**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט פארענדיגונג פון טראנספארמירנדע פראיעקט ביים סאליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד**

***נייע וועג צו ניו יארק'ס קעטסקיל ראיאן נעמט אריין מאדערנע טערמינאל, ענערגיע עפעקטיווע יוטיליטיס, רעסטאוראנט, באר און פאבליק זיצונג פלאץ***

[**_בילדער פארעפנטליכט דא_**]

טראגט מיר מיט אן עראפלאן צו די קעטסקילס! גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די טראנספארמירונג פון די סאליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד (Sullivan County International Airport) צו א מאדערנע, גאר-פארגעשריטענע טערמינעל פאסיליטי איז פארענדיגט געווארן, עפענענדיג דעם טויער צו ווייטערדיגע עקאנאמישע וואוקס און טוריזעם אין די קעטסקיל ראיאן. די פראיעקט, וואס האט זיך אנגעהויבן אין מערץ 2023, האט באקומען 18.5 מיליאן דאלער פון די גאווערנאר'ס 230 מיליאן דאלאר [אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט (Upstate Airport Economic Development and Revitalization Competition)], און די געלטער איז פארטיילט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע אפטיילונג (Department of Transportation). די פראיעקט האט געשאפן א מאדערנע, 15,000-סקווער-פיסיגע, ענערגיע-עפישענט טערמינאל פאסיליטי וואס וועט צושטעלן אן אנגענעמע, באגריסנדע איבערלעבעניש פאר באזוכער, לאקאלע ביזנעסער און קאמיוניטי מיטגלידער צוגלייך.

"מען באקומט נאר איין געלעגנהייט צו מאכן א גוטן ערשטע איינדרוק, און מיר ווילן זיכער מאכן אז אונזערע אפסטעיט לופטפעלדער טוען טאקע דאס פאר זייערע לאקאלע קאמיוניטיס." **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די מאדערניזירונג פון די סאליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד טוט צושטעלן אן ערשט-קלאסיגע טרעוועל צענטער פאר איינער פון די שנעלסט-וואקסנדע ראיאנען אינעם סטעיט, שיקענדיג א קלארע סיגנאל אז די קעטסקילס איז אפען פאר ביזנעס און גרייט פאר באזוכער."

סאליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטעלד איז געווען צווישן די ניין אפסטעיט לופטפעלדער וועלכע האבן באקומען א טייל פון די 230 מיליאן דאלאר אין גאווארנער Hochul's (האקול) לעצטיגע רונדע פון די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט געלטער [געמאלדן אין סעפטעמבער 2022]. די געלטער פארבעסערט נישט נאר ניו יארק'ס אפסטעיט לופטפעלדער, נאר עס פארבעסערט אויך זייער מעגליכקייט זיך צו פארמעסטן אויף די לאנד'ס און גלאבאלע אוויאציע סטעידש.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע אפטיילונג קאמישענער Marie Therese Dominguez (מערי טעריזע דאמינגועז) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul (האקול) פארשטייט אז אונזערע אפסטעיט לופטפעלדער זענען וויכטיגע טויערן וועלכע טוען ענטפאנגען באזוכער, אבער זיי זענען אויך עקאנאמישע

ענדשינס וועלכע טוען עפענען די טיר צו נייע ביזנעס געלעגנהייטן און פארמערטע טוריזעם. די פארבעסערונגען וואס מיר האבן געמאכט צו די סאליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד וועלן פארבעסערן די פאסאנדשיר איבערלעבעניש, דינען אלס א מאדערנע קאמיוניטי זיצונג ארט פאר לאקאלע איינוואוינער, און שאפן א פאזיטיווע און אנהאלטנדע איינדרוק פון די קעטסקילס אלס א געוואלדיגע פלאץ וואו צו וואוינען, ארבעטן, און באזוכן."

די סאליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, וואס האט זיך געעפענט אין 1969 און געפונט זיך אין ווייט לעיק זייענדיג 90 מייל אפגערוקט פון ניו יארק סיטי, איז שוין לאנג געווען א וויכטיגע פארבינדער צו די קעטסקיל בערג ראיאן. לאקירט אויף בערגל אויף 600-עיקער, אומגעפער פינעף מייל צו צפון-מערב פון מאנטיסעלאו, טוט די לופטפעלד צושטעלן צוטריט צו די געגנט'ס פילע פאפולערע אטראקציעס און פארזאמלונגען, אריינגערעכנט די פאפולערע בייגל פעסטיוועל, פילצאליגע קאר פארשטעלונגען, און די אטעם-פארכאפנדע נאטורליכע פאנאראמעס פון די קעטסקילס. עס איז אויך נאנט צו די בעטעל וואדס צענטער פאר קונסט (Bethel Woods Center for the Arts) — די היסטארישע ארט פון די 1969 וואדסטאק מוזיק פעסטיוועל (Woodstock Music Festival) — וואס טוט אפהאלטן פארשידענע צאמקומען און פארשטעלונגען. די לופטפעלד ברענגט א געשאצטע 10.1 מיליאן דאלאר אין עקאנאמישע אקטיוויטעט צו די ארומיגע געגנט, לויט לעצטיגע דאטא.

די נייע טערמינאל האט ערזעצט א פארעלטערטע געביידע פון די מיטעלע צוואנציגסטן-יאר הונדערט יארן מיט א מאדערנע סטראקטור וואס פארמאגט א רחוות'דיגע אינטיריאר מיט קאסט-עפעקטיווע לעמינעיטעד טימבער ביעמס און פלאר-ביזן-דאך פענסטערס וועלכע שאפן א ברייט-אפענע, זוניגע אינטיריאר, געבנדיג פאר באזוכער א בליק צו די פאנארמישע סצענעס פון די קעטסקיל בערג און פון די לופטפעלד ראנוועי. די אלטמאדישע, אומעפעקטיווע פורנעס איז ערזעצט געווארן דורך א פולשטענדיג-עלעקטירשע HVAC סיסטעם נוצנדיג שטארק-עפעקטיווע הייצונג פאמפס אריינגעבויט מיט געאטערמאלע קוואלן. א נייע רעסטאוראנט און באר געגנט, און א דערנעבנדיגע דעק וואס קוקט איבערן רונוועי, לאבי און דרויסנדיגע פאטיא וועלן פארבעסערן די ערפארונג פון די היינטיגע מאדערנע רייזנדער און מיטגלידער פון די פאבליק. א פילטא'ס לאונדש וועט קעיטערן צו פאסאזשירן און פריוואטע עירקרעפט באנוצער. אפיס פלעצער וועלן אויך זיין ערמעגליכט פאר אוויאציע-פארבינדענע ביזנעסער, אזוויי קאר-רענטאלס, און א נייע קאנפרענץ צימער וועט זיין צו באקומען פאר פארשידענע ביזנעסער, ארגאניזאציעס און פאבליק באנוץ.

די פראיעקט, וואס האט געהאט א סך הכל געשאצטע קאסט פון אומגעפער 24 מיליאן דאלאר, האט אויך אריינגערעכנט די פאלגנדע פארבעסערונגען:

- נייע און פארבעסערטע טוילעטס
- אפגרעידעד טערמינאל איזולירונג, אריינגערעכנט פענסטערס און טירן, צו פארבעסערן ענערגיע עפעקטיווקייט
- נייע מעבל, פיקסטשערס און געצייג
- ערזעצונג/פארגרעסערונג פון די יעצטיגע סעפטיק סיסטעם
- פארבעסערטע פייער אונטערדרוקונג וואסער טאנק און פאמפ צוטיילונג סיסטעם
- אריינשטעלונג פון סאולער פאנעלס און עלעקטרישע וויהיקעל טשארדשינג סטאנציעס
- איבערגעפאלסטערטע און געשטרייפטע הויפט פארקינג לאט

אין סעפטעמבער פון 2022 האט גאווערנער האקול אנאנסירט 230 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר ניין אפסטעיט לופטפעלדער פאר אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע פרישן איבער און מאדערניזירן ווייטער לופטפעלדער אריבער גאנץ אפסטעיט ניו יארק. די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און

אויפלעבונג פארמעסט, אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע אפטיילונג, איז אפען געווען פאר אפסטעיט קאמערציאלע פאסאנדשיר סערוויס לופטפעלדער און פאר לופטפעלדער וועלכע שטעלן צו ספעציליזירטע סערוויס פאר קאמערציאלע פליגער און/אדער פריוואטע קארפארעיט פליגער. אפליקאנטן זענען געמוטיגט געווארן צו אפלייען פאר פינאנצירונג פאר אן איינצלנער פראיעקט אדער פאר א פראגראם פון עטליכע פראיעקטן צו העלפן נאכקומען די פארלאנג פון די 21'סטע יאר הונדערט. פראיעקטן וועלכע זענען אריינגעגעבן געווארן דורך בארעכטיגטע לופטפעלדער צו איבערגעקוקט ווערן זענען באטראכט געווארן לויט אוועקגעשטעלטע באדינגונגען, אריינגערעכנט – צווישן אנדערע – שעפערישקייט פון די דעזיין, פאסאנזשיר באקוועמליכקייטן און ערפארונג, ווירקזאמקייט פון אפעראציעס און עקאנאמישע עפעקטיווקייט פאר די לופטפעלד'ס ראיאן. אין צוגאב צו די סאָליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, רעכענען די אנדערע לופטפעלדער צו באקומען פינאנצירונג אריין: אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, וואטערטאון אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, סאראטאָגע קאונטי לופטפעלד, סירעקיוס הענקאָק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, גרעיטער בינגעהעמטאן לופטפעלד, פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און די עדיראַנדעק ראיאנישע לופטפעלד.

**אסעמבלי מיטגליד Paula Elaine Kay (פאלע אילעין קעי) האט געזאגט,** "מיט די אינוועסטירונג, טוט סאליוואן קאונטי זיך הייבן. די נייע לופטפעלד טערמינאל וועט ברענגען באזוכער, ביזנעסער,און ענערגיע צו אונזער ראיאן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul's (האקול) פירערשאפט און אנגייענדע שטיצע פאר וואוקס אין די 100'טע אסעמבלי דיסטריקט."

**סאליוואן קאונטי מענעדשער Joshua A. Potosek (דשאשוע א. פאטאסעק) האט געזאגט,** "מיר זענען געווען גאר צופרידן ווען גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט אונז אריינגעשטעלט אין איר אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פראיעקט, אונז געבנדיג 18.5 מיליאן דאלאר צו בויען א נייע, ענערגיע-עפישענט טערמינאל. און מיט מיטארבעטער ווי די NYS אפטיילונג פון טראנספארטאציע און Holt Construction, האבן מיר צוגעשטעלט א ערליכע, גוט-ארבעטנדע טערמינאל פון וואס די גאנצע קאונטי און סטעיט קען זיין שטאלץ."

**סאליוואן קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער Nadia Rajsz (נאדיע רייז) האט געזאגט,** "סאליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד טוט אוועקשטעלן א נייע סטאנדארט פאר אזעלכע סארט פאסיליטיס אין אפסטעיט קאונטיס, א דאנק די וויזיע און פירערשאפט פון גאווערנאר האקול. מיט די ערליך-געבויעטע טערמינאל ביים צענטער, פלאנען מיר צו ווייזן וויאזוי א 'קליינע' לופטפעלד קען האבן א זייער גרויסע השפעה - נישט נאר ווען עס קומט צו אוויאציע, נאר אויך אין אונזערע קאמיוניטיס. דאס איז גאר א גרויסע טריט פאראויס צו ברענגען די לופטפעלד צו א מצב פון זיך קענען אליינס אויסהאלטן און באמת ווערן א קאנקערירנדע שפילער אין די קארפארעיט פליגער וועלט."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באַרייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

לעבנס זענען געוואנדן דערויף — פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער פאר הייוועי ארבייטער! פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן